בעזהשי"ת

# א טיפערן בליק

## נשא

מדברי

**כ"ק אדמו"ר מליובאוויטש זי"ע**

בראשית מנהיגתו על אדמת אמעריקא,

לחיזוק יסודות היהדות והחסידות, בשייכות לפרשיות השבוע ומועדי השנה

# דבר המערכת

במשך השנים תש"י - תשנ"ב התוועד כ"ק אדמו"ר מליובאוויטש זי"ע התוועדויות רבות ובמשך שעות ארוכות השמיע שיחות קודש ומאמרים בכל חלקי התורה.

חלקים מתוך אלפי שיחות קודש אלו לוקטו והוגהו על ידו במשך השנים ונדפסו בל"ט הכרכים של **לקוטי שיחות**.

בקונטרס "א טיפערן בליק" הננו מביאים קטעים מספרי לקוטי שיחות, בעיקר מתוך ד' חלקים הראשונים, עם קצת ביאור באותיות קטנות וכותרות שנעשו על ידינו.

במשך הדורות, הרבו כ"ק האדמו"רים נשיאי חב"ד ללמד ולהשפיע חסידות, מיוסד על תורת כ"ק מורנו הבעש"ט, והדריכו את החסידים בעבודת ה' בהתאם למצבו של כל דור ודור. בשיחות קודש שלו מבאר כ"ק אדמו"ר מליובאוויטש זי"ע את **עבודת ה' עפ"י דרך החסידות השייכת למצב של דורנו זה, מרחיב עלי' ומסביר אותה בשפה קלה ופשוטה לאנשים כערכינו.**

מערכת "א טיפערן בליק"

---

**© כל הזכויות שמורות**
הטעקסט של הלקוטי שיחות נדפס ברשות קה"ת

הרוצה לקבל הקונטרס באימייל נא לשלוח בקשה לatifernblik@gmail.com

הרוצה לנדב הקונטרס נא להתקשר 718-977-5099

# א איד ווערט קיינמאל נישט טמא

להבנת השיחה נביא תמצית הדברים ממאמר ד"ה באתי לגני שנת תש"י, מאת כ"ק אדמו"ר הריי"צ, בביאור מאמר רז"ל "אין אדם עובר עבירה אלא א"כ נכנס בו רוח שטות": "שטות" הוא הטי' מהדרך הידיעה והחכמה, וכדפרש"י על הכתוב "כי תשטה אשתו" – "תט מדרכי הצניעות". וענין השטות דלעומת זה (רוח שטות דקליפה המביאה את האדם לעבור עבירה ח"ו) הוא ההעלם וההסתר על האור האלקי. דהנה כל יהודי מצד עצמו (לולא הרוח שטת), מאחר שיש בו חלק אלקה ממעל, הרי מאיר אלקות בנפשו בגלוי, ונרגש אצלו שאין עוד מלבדו, היינו שאין שום מציאות זולת ה', ולכן אין שום נתינת מקום אצלו לעבור עבירה ח"ו (דהרי בעשיית עבירה האדם מראה שגם הוא איזה מציאות שיכול לעשות נגד רצונו יתברך). ואם כן מנין בא הנתינת מקום באדם לעבור עבירה ח"ו? אלא הרוח שטות דלעומת זה (שטות דקליפה) נכנס בו ומכסה על האמת דאלקות, ואומר לו שאינו נעשה נפרד מאלקות ע"י העבירה.

## א.

אין דעם מאמר באתי לגני[1] פון כ"ק מו"ח אדמו"ר הריי"צ, איז ער מבאר דעם ענין פון שטות דלעומת זה, און ברענגט אַ ראי' פון דעם וואָס עס שטייט כי תשטה אשתו[2].

בכלל איז אין חסידות יעדער זאַך אויסגערעכנט, און אַז מען ברענגט אַ ראי' פון אַ פסוק, איז דאָס ניט אויף צו ווייזן בקיאות, נאר דאָס איז אַ באַווייז אַז דער פסוק האָט אַ שייכות צו דעם ענין.

לכאורה איז די שייכות פון פסוק כי תשטה אשתו צו דעם ענין פון שטות דלעומת זה (וואָס אויף דעם ענין ברענגט ער אַ ראי' פון פסוק) פאַרשטאַנדיק אין פשטות, וואָרום ווייל די דרשת רז"ל[3] אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, איז פון פסוק כי תשטה אשתו.

אָבער באמת דאַרף מען דאָס גופא פאַרשטיין, וואָרום עס זיינען דאָך פאַראַן אַ סך מאמרי רז"ל וואָס מען ברענגט ניט אויף זיי קיין ראיות פון פסוק. מוז מען זאָגן, אַז דער פסוק כי תשטה האָט אַ באזונדערע שייכות צו דעם ענין פון אין אדם עובר עבירה כו', דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די שייכות.

---

1. ה'שי"ת סעיף ג.
2. במדבר ה, יב.
3. סוטה ג, א.

נאָך מער איז ניט מובן - עס איז דאָך: יש בכלל מאתים מנה[4], אָבער בכלל מנה איז ניטאָ קיין מאתים. במילא, בשעת מען וויל ברענגען אַ ראי׳ אַז אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, וואָס דאָס איז ניט דוקא קיין האַרבע עבירה וואָס מען איז חייב אויף איר כרת, נאָר יעדע עבירה, אפילו אַ דקדוק קל של דברי סופרים[5], און אפילו דער ענין פון קדש עצמך במותר לך[6], וואָרום אין תניא[7] ווערט דערקלערט דער טעם אויף דעם שאפילו לעבור עבירה קלה ביותר שייך רק ע״י שנכנס בו רוח שטות, ווייל ער איז עובר אויף דעם רצון העליון ולולא הרוח שטות שבו המכסה על האמת לא היה שייך שהאדם יעבור על רצון העליון, און דאָס איז דאָך אויך אין קדש עצמך במותר לך שגם בזה עובר על רצון העליון, היינו על מש״כ ״קדושים תהיו״ – ואמרז״ל קדש עצמך במותר לך (כמבואר בתניא פרק ל), איז פאַרוואָס ברענגט מען אַ ראי׳ פון דעם וואָס עס שטייט כי תשטה אשתו, אַ האַרבע עבירה, עס איז דאָך אֵין בכלל מנה מאתים?

## ב.

די שייכות פון אין אדם עובר עבירה צו כי תשטה אשתו איז אין צוויי ענינים:

א) דער דין פון כי תשטה גו׳ איז ביי אַן אשת איש, און דוקא אַן אשת איש ווערט מיט דער ביאה אַ זונה[8], אָבער ניט אַ פנוי׳ (הגם רבי אליעזר האַלט אַז אפילו פנוי הבא על הפנוי׳ עשאה זונה, דאָס איז אָבער מער ניט ווי אַ דעת יחיד, און די הלכה איז ניט אַזוי[9]), ד. ה. דאס הייסט אַז דער טעם פאַרוואָס די עבירה איז אויף אַזוי פיל נוגע, איז

---

4. בבא קמא עד, א. בבא בתרא מא, ב.
5. יבמות כ, א. נדה יב, א.
6. יבמות דאָרט.
7. פרק כד.
8. זע לקוטי תורה במדבר נג, ג.
9. יבמות סא, ב. רמב״ם הלכות איסורי ביאה פרק יח הלכה ב.

ווייל זי איז אַן אשת איש. און אַזוי איז אויך אין דעם ענין פון אין אדם עובר עבירה כו׳, וואָס דורך דעם ע״י העבירה ווערט ער דאָך אַ נפרד פון אלקות, איז דער טעם וואָס יעדער עבירה, אפילו אַן עבירה קלה, איז אויף אַזוי פיל נוגע, ווייל אידן זיינען דעם אויבערשטנס אשה, ווי ווייטער דערקלערט.

עס שטייט אין זוהר[10] אַז אַ פילוסוף האָט געפרעגט ביי ר׳ אלעזר׳ן, וויבאַלד אַז אידן זיינען דער עם המובחר, פאַרוואָס זיינען זיי שוואַכער פון אַלע פעלקער ובזוהר מוסיף בהשאלה, הרי בני ישראל אוכלים רק מאכלים בריאים ולא שקצים ורמשים, ואומות העולם אוכלים מאכלים שאינם בריאים כשקצים ורמשים ועם כל זאת הם חזקים יותר מבני ישראל? האָט ר׳ אלעזר געענטפערט, אַז היא הנותנת: וויבאַלד זיי זיינען דער מובחר פון אַלעמען, קאָנען זיי ניט סובל זיין קיין פסולת, אַזוי ווי שקצים ורמשים, אין רוחניות, ובמילא קאָנען זיי דאָס ניט סובל זיין אויך אין גשמיות. כלומר, חולשת גופם של בני ישראל באה דוקא בגלל מעלתם שהם עם הנבחר, ובדוגמת לב האדם, שלפי שהוא האבר המובחר ביותר לפיכך אינו סובל שום פסולת, וכדלהלן.

- און דאָס איז אַזוי ווי מען האָט גערעדט (אין מאמר[11]), אַז כאָטש ביי אומות העולם איז דאָס וואָס קרו לי׳ להקב״ה אלקא דאלקיא שטועים וחושבים שהכוכבים והמזלות הם אלקים, וקוראים להקב״ה בשם אלקי האלקים, הייסט ניט קיין מרידה[12] לפי שאומות העולם אינם מצווים על השיתוף, אָבער ביי אידן, וויבאַלד זיי זיינען העכער ששורש החיות של נשמות ישראל הוא ממדריגה גבוהה מאד באלקות, ושם נרגש שאין שום מציאות חוץ מאלקות, וכאשר הוא נותן חשיבות לאיזה דבר חוץ מאלקות הרי הוא מפריד עצמו משרשו, דערפאַר איז מיט יעדער עבירה קלה שמראה שהוא מציאות לעצמו לעשות נגד רצונו יתברך ווערט ער אַ נפרד בתכלית, אָפגעטיילט אינגאַנצן פון ג־טלעכקייט, מערער ווי קליפה וסטרא אחרא -

10. חלק ג רכא, א.

11. ד״ה באתי לגני תשי״ג (בסה״מ באתי לגני ח״א וסה״מ מלוקט ח״א).

12. רמ״א או״ח סקנ״ו און זע מים רבים תשי״ז (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נב) און אין הערה דאָרט.

אידן זיינען געגליכן געוואָרן צו לב[13]. און אַזוי ווי די האַרץ, ווייל זי איז דער מובחר פון אַלע אברים, קאָן זי ניט סובל זיין קיין פסולת, אפילו דקה מן הדקה, אַזוי זיינען אויך אידן.

דערמיט וועלן מיר פאַרשטיין די שייכות פון כי תשטה צו אין אדם עובר עבירה כו'.

אידן זיינען דעם אויבערשטנס אשה, דער אויבערשטער איז דער בעל און אידן זיינען די אשה, און דאָס איז אין אַלע זמנים, אויך בזמן הגלות. - די נפקא מינה פון איצטער ביז לעתיד איז, אַז איצטער איז דער אויבערשטער: "בעל", און לעתיד: "איש" כדכתיב וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא נְאֻם ה' תִּקְרְאִי אִישִׁי, וְלֹא תִקְרְאִי לִי עוֹד בַּעְלִי. - אך גם בזמן הגלות הקב"ה נשאר הבעל של בני ישראל - ווי ער זאָגט אין פסוק (אַן ענטפער[14] אויף דעם וואָס די אידן האָבן גע'טענה'ט, אַז דער אויבערשטער האָט דאָך זיי אָפּגעגט, ומה לבעל על אשתו לאחר גירושין):

והשיב להם הקב"ה (בלשון תמיה) אי זה ספר כריתות אמכם אשר שלחתי' גו' כלומר, שלא גירש הקב"ה כלל את בני ישראל (בגט כריתות) וואָרום להחליפם באומה אחרת חס ושלום אי אפשר[15]. ובמילא - עס שטייט דאָך, איזוהי אשה כשרה העושה רצון בעלה[16], איז דערפאַר נוגע יעדער עבירה, וואָרום אפילו אַז מען איז עובר אויף אַ רצון קל, וואָס אין דעם גייט אַריין אויך קדש עצמך במותר לך, איז מען ניט עושה רצון הבעל, ובמילא איז מען ניט קיין אשה כשרה.

דערפאַר איז בשעת מען וויל דערקלערן אַז מיט יעדער עבירה ווערט מען אַ נפרד בתכלית פון דעם אויבערשטען, און אַז אפילו דברים המותרים זיינען אויך נוגע, ברענגט מען דעם פסוק כי תשטה אשתו, וואָרום

13. זע זהר חלק ג רכא, רע"ב. כוזרי מאמר ב אות לו. אגרת הקדש סימן לא.
14. ישעי' נ, א. סנהדרין קה, א.
15. קדושין לו, א. שו"ת הרשב"א סימן קצד. רות רבה פתיחתא ג. פסחים פז, א.
16. תנא דבי אלי' רבה פרק ט (בשינוי לשון קצת).

דאָס איז ניט סתם קיין ראי', נאָר עס איז אַ דערקלערונג: פאַרוואָס איז אויך אַן עבירה קלה אַזוי שטאַרק נוגע, ווייל די נשמה, דער נפש הבהמית, דער נפש הטבעית און דער גוף, זיינען דעם אויבערשטנס אשה, ואיזוהי אשה כשרה העושה רצון בעלה, דערפאַר איז נוגע אפילו אַ רצון קל.

ג.

ב) דער ענין פון כי תשטה אשתו, איז דאָך ניט אַז מען ווייס אַז זי איז נטמא געוואָרן, עס איז מער ניט וואָס ונסתרה, און עס קאָן גאר זיין אַז זי איז אַ טהורה, נאָר דאָס אַליין וואָס ונסתרה, הייסט עס כי תשטה מלשון שטות, און עס הייסט מעשה בהמה, וואָס צוליב דעם דאַרף זי ברענגען אַ קרבן ממאכל בהמה[17].

אין פלוג לכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק, וויבאַלד אַז מען ווייס ניט אַז זי איז נטמא געוואָרן, קאָן מען דאָך איר שטעלן אויף חזקת כשרות, ורוב בנות ישראל כשרות הן, איז פאַרוואָס דאַרף זי ברענגען אַ קרבן ממאכל בהמה? נאָר דער טעם אויף דעם איז, אַז דאָס גופא וואָס זי געפינט זיך אין אַזאַ מצב אַז מען קאָן איר חושד זיין אויף טומאה, איז דאָס אַן ענין פון מעשה בהמה, וואָרום ביי בנות ישראל דאַרף גאָר ניט זיין קיין מצב פון חשד.

און הגם אַז דער ענין פון ונסתרה גופא איז דאָס אַ מעשה בהמה, און איבער דעם אַליין איז זי אסור צום בעל, אָבער עס איז מער ניט ווי לשעה קלה בלבד, וואָרום וויבאַלד אַז זי איז ניט טמא געוואָרן, עס איז מער ניט וואָס ונסתרה, איז דערנאָך ווערט זי צו אים טהור, ווי ער זאָגט ונקתה ונזרעה זרע[18].

17. סוטה טו, ב.

18. במדבר ה, כח.

און אַזוי איז אויך בשעת אַ איד איז עובר אַן עבירה, וואָס דאָס איז אַן ענין פון רוח שטות, איז דאָס ניט קיין ענין פון טומאה לבעלה, ח"ו, וואָרום עס איז דאָך "וכבודי" - וואָס דאָס איז דער ניצוץ אלקי וואָס ביי יעדער אידן - "לאחר לא אתן"[19], עס איז מער ניט וואָס לשעה קלה האָט ער געטאָן אַ מעשה בהמה, אָבער סוף סוף איז ונקתה ונזרעה זרע, וואָרום לא ידח ממנו נדח[20].

און דאָס איז נאָך אַ טעם אויף דעם וואָס בשעת מען רעדט דעם ענין פון שטות דלעומת זה ברענגט מען דעם פסוק כי תשטה אשתו, וואָרום דערמיט וויל מען מבאר זיין, אַז דער גאַנצער ענין פון שטות דלעומת זה ביי אַ אידן, איז דאָס ניט קיין ענין פון טומאה חס ושלום, עס איז מער ניט ווי מעשה בהמה לשעה קלה.

## ד.

ווייל וויבאַלד אַז אויב מ'האַלט אַז ס'איז דאָ אַ מציאות אויסער אלקות איז עס אַ כפירה באחדותו, און בפרט אויב מ'ווייסט אַז מען איז דורכגעפאַלן אין אַ דרבנן און אפילו אין נאָך האַרבער, וואָס דאָס איז דאָך אַ רוח שטות, קאָן מען דאָך מיינען, ווי עס שטייט[21], ותאמר ציון עזבני ה' ואד' שכחני -

ברענגט מען אויף דעם דעם פסוק כי תשטה אשתו, אַז אַזוי ווי די אשה שנסתרה, הגם אַז לשעה קלה איז זי אסור צום בעל, אָבער באמת איז דאָס ניט קיין טומאה, און נאַכהער ווערט זי צו אים צוריק מותר, און נאָך מערער - "ונזרעה זרע", און די גמרא[22] זאָגט דערויף: היתה יולדת בצער יולדת בריוח, נקבות יולדת זכרים, און עס איז אפילו פאַראַן אַ מאן דאמר אין גמרא, אַז היתה עקרה נפקדת;

19. ישעי' מב, ח.

20. שמואל ב, יד, יד (בשינוי לשון קצת).

21. ישעי, מט, יד.

22. סוטה כו, א. רמב"ם הלכות סוטה פרק ב, הלכה י. פרק ג הלכה כב.

אַזוי איז אויך, הגם אַז ידע אינש בנפשי' דעם שטות דלעומת זה וואָס ביי אים, דאַרף ער ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך. ער דאַרף וויסן אַז ער איז חס ושלום קיינמאָל ניט נטמא געוואָרן, וואָרום "וכבודי", וואָס דאָס איז דער ניצוץ אלקי וואָס עס איז פאַראַן ביי יעדער אידן, "לאחר לא אתן". עס איז מער ניט וואָס לשעה קלה האָט ער געטאָן מעשה בהמה, אָבער דערנאָך איז ונקתה ונזרעה זרע, ער וועט האָבן אהבה ויראה, און בנים זכרים דוקא, ד. ה. אהבה ויראה שביגיעתו, און עס וועט זיין דער יחוד הבעל ואשתו, דאָס הייסט גילוי השכינה בנפשו, דער גילוי פנימיות הנשמה, וואָס דאָס איז דער ביאת משיח הפרטי וואָס איז ביי יעדער איינעם, וואָס דאָס איז אַ הכנה צו ביאת משיח הכללי.

(משיחת יו"ד שבט, תשי"ג)

*[נדפס בלקוטי שיחות חלק ב]*

# דער אויבערשטער איז דן אידן לכף זכות

**פרקי אבות פרק א**

## א.

די ערשטע הוראה אין מסכת אבות (נאָך דער הקדמה פון דעם סדר המסורה אַז "משה קיבל תורה מסיני וכו'" ביז "ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה") איז שלשה דברים: א) "הוו מתונים בדין", ב) "והעמידו תלמידים הרבה", ג) "ועשו סיג לתורה".

רז"ל זאגן[23]: דאָס וואָס דער אויבערשטער הייסט אידן טאָן - טוט ער אַליין אויך. וויבאלד אַז דער אויבערשטער זאָגט אָן אידן זיי זאָלן טאָן די דריי זאַכן, איז פאַרשטאַנדיק אַז די הנהגה למעלה איז אויך אַזוי.

## ב.

"הוו מתונים בדין": בשעת מען זעט דעם רוחניות'דיקן מצב פון דעם היינטיקן דור, ווי נידעריק ער איז, און מען וויל אים דן זיין, איז אויב מען זאָל אים דן זיין בהשקפה ראשונה, ניט געלאַסענערהייט, קען מען אים דן זיין ח"ו ניט לכף זכות. בעת עס איז אָבער פאַראַן די מתינות בדין, מען טראַכט זיך אַריין אין די סיבות וועלכע האָבן געבראַכט דערצו: דער העלם והסתר איז זייער גרויס, און דער חושך איז כפול ומכופל,

- וואָרום בכלל איז ירידת הנשמה למטה, כפתגם הרשב"ץ נ"ע[24]: "חכמה עילאה הספירה הראשונה מעשר ספירות דאצילות, שהיא שורש הנשמות אין אַ זאַק פלייש און ביינער מיט זודיגע בלוט". אַזוי איז געווען אַלע מאָל, ובפרט אין אונזער דור ווען דער חושך איז אַ כפול ומכופל -

דאַן איז מען ניט דן אויף דעם פאַרוואָס מען איז ניט בעסער, אדרבה, דער ביסל טוב וואָס איז יאָ פאַראַן, רופט אַרויס אַ פלא.

און די מתינות פועל'ט - "והעמידו תלמידים הרבה". מען באַנוגנט זיך ניט מיט די תלמידים וואָס זיינען שוין "בניך למודי הוי'", נאָר "תלמידים הרבה", אַז אלע אידן, אפילו רשעים, און אפילו די וואָס זיינען נאָך נידעריקער ווי סתם רשעים[25], זאָל מען פון זיי מאַכן תלמידים, בניך למודי הוי'.

---

23. נסמן לעיל ח"ג ע' 958.

24. לקו"ד ח"א קפח, א.

25. ראה מכתב הכללי לחה"פ תשי"ז (הגש"פ עם ביאורים (קה"ת, תשמ"ו ושלאח"ז) ע' תקעח).

און דאָס ברענגט אויך - "ועשו סיג לתורה". בכדי אַז **יעדער** איד זאל קענען גלייך אָנהויבן זיין גיין אין תורה-וועג, איז אויב אים איז שווער אָנהייבן אין דעם ענין, גיט מען אים אַ צווייטן ענין. און דאָס איז "ועשו סיג לתורה", אַז דורך מער סייגים גיט מען אַ מעגלעכקייט אַז יעדער איד האָט אַ געווויסן ענין מיט וואָס ער איז שוין שייך צו תורה[26].

## ג.

ווי ביי פאַרשידענע ענינים, איז אויך דער סדר פון די דריי זאַכן אַ קעגנזייטיקער:

א) בסדר ישר - דער "הוו מתונים בדין" ברענגט צום "והעמידו תלמידים הרבה", און וואָס ברענגט צום "ועשו סיג לתורה", כנ"ל. ב) אין אַ פאַרקערטן סדר - דער "ועשו סיג לתורה" ברענגט צום "והעמידו תלמידים הרבה", און דאָס ברענגט דעם "הוו מתונים בדין".

די שייכות וואָס יעדער איד האָט צו תורה, דורכן "ועשו סיג לתורה", פועל'ט דעם "והעמידו תלמידים הרבה", אַז פון אַלע אידן מאַכט מען תלמידים, "בניך למודי הוי'".

ובמילא ברענגט עס דעם "הוו מתונים בדין" וואָס נאָך דעם, דלעתיד, דעם ענין המתינות, באַ דער גאולה העתידה, וואָס וועט זיין ניט בחפזון, נאָר "בשובה ונחת תושעון"[27].

(משיחת שבת מבה"ח אייר, תשי"ז)

*[נדפס בלקוטי שיחות חלק ד]*

---

26. כמרז"ל (מכות כג, ב) רצה הקב"ה לזכות את ישראל **לפיכך** הרבה להם תומ"צ, עיין פיה"מ וחדא"ג שם.

27. ישעי' ל, טו. וראה המשך וככה - תרל"ז בסיומו.

לע״נ

הרה״ח ר׳

**ראובן דובער**

בן הרה״ח

ר׳ **יחזקאל גדלי׳** ע״ה

*

נלב״ע ג׳ סיון ה׳תשנ״ח

ת.נ.צ.ב.ה.